גליון טו' שנה א'

פרשת בהעלותך
תשפ"ו

# בחור'ל

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### שאלה: ווי אזוי בין איך מצליח אין די שיעור עיון וואס מ'לערנט אין אונזער ישיבה?

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א 14 יעריגער בחור, איך לערן אין א ישיבה וואס איז נישט ספעציעל פאר מצוינים, א געווענליכע ישיבה, אבער למעשה לערנט מען דא אסאך עיון און פלפול מיט עטליכע מפרשים, און וויפיל איך פרוביר מיטצוהאלטן אלע שיעורים און לימודים, שפיר איך אז איך בין נישט מצליח אנצוקומען דערצו.

איך דארף חיזוק און אפשר אן עצה ווי אזוי צו קענען אנצוגיין דא ווייטער.

יישר כח

### תשובה

לכבוד ... נרו יאיר.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

#### כל ההתחלות קשות

אזוי גייט עס אין אנהייב ווען מען הייבט אן לערנען, מען שפירט נישט קיין געשמאק; מען שפירט נישט קיין טעם אין לערנען, מען שפירט ווי מען איז נישט מצליח, אבער אז מען איז אן עקשן, מען קוקט נישט אויף דעם, מען לערנט תורה אן קיין געשמאק, אן געפיל, מען לערנט ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן - ווערט צוביסלעך זיס די תורה, ביז מען וויל שוין נישט אפלאזן די הייליגע תורה.

#### צעטייל די טאג אין צוויי

אן עצה טובה - דו זאלסט צעטיילן דיין טאג און צוויי; קודם זאלסטו פרובירן מיט האלטן די סדר הישיבה, נעם די מסכתא וואס מען לערנט אין ישיבה און חזר דאס אן א שיעור מאל, נאכדעם זאלסטו זיך מאכן שיעורים כסדרן אויפ'ן סדר דרך הלימוד וואס דער רבי האט אונז געגעבן, לערנען שנעל אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן עו).

#### לערנען כסדרן

מאך זיך א שיעור אין משניות און אין גמרא; הייב אן פון אנהייב, גיי אין א סדר, ביז דו וועסט ענדיגן א מסכתא; דעמאלט זאלסטו אנהייבן נאך א מסכתא און דאס לערנען כסדרן, קוק נישט אויף דעם אויב דו פארשטייסט נישט, זאג די ווערטער, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, שם): **"שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין"**, מען דארף נישט פארשטיין ווען מען לערנט, מען דארף נאר זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה און צום סוף וועט מען פארשטיין, **"וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין"**, מען זאל נישט ווערן צעבראכן ווען מען זעט אז מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט, וואס דאס אליין - אז מען וויל גלייך פארשטיין - מאכט אז עס זאל זיין שווער צו פארשטיין דאס לערנען, נאר מען זאל בלויז זאגן די ווערטער כסדרן און מען וועט פון זיך אליינס פארשטיין, **"וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מָה בְּכָךְ"**, און אויב מען

פארשטייט נישט דעם ערשטן מאל, וועט מען עס פארשטיין ביים צווייטן מאל און אויב מען וועט נישט פארשטיין דעם צווייטן מאל, איז אויך גארנישט, **"כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'"**, ווייל דאס לערנען אליינס איז גרעסער פון אלעם, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן אז א מענטש זאל קודם אסאך זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט און דערנאך זאל ער לערנען צו פארשטיין, **"כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד - לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וכו'"**, ווייל אז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעל לערנט מען דאך זייער אסאך, דורכדעם איז מען איז זוכה איבערצוגיין יעדע זאך זייער אסאך מאל ביז מען איז זוכה צו פארשטיין וואס מען לערנט, דער רבי האט זייער אסאך גערעדט פונעם סדר דרך הלימוד, מען זאל נישט זוכן צו פארשטיין ווען מען לערנט, נאר מען זאל לערנען אסאך אן פארשטיין ביז מען וועט זוכה זיין צו פארשטיין.

### מען קומט אן צו לערנען אסאך

ווען מען לערנט אויף דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, איז מען זוכה אנצוקומען אסאך מער ווי ווען מען לערנט שטייט און מען קלערט אריין אין יעדע ווארט, וואס דאס שטערט נאר דאס לערנען, דער רבי זאגט (שם): **"וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם"**, און זייער אסאך מענטשן האבן אינגאנצן אויפגעהערט צו לערנען צוליב דעם וואס זיי האבן געלערנט און געקוועטשט וכו', **"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם"**, אז א מענטש געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעלערהייט - אזוי ווי אויבן דערמאנט, וועט ער זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך; ער וועט זוכה זיין דורכצולערנען די גאנצע תורה - גמרא מיט אלע פוסקים, תנ"ך מיט אלע מדרשים און זוהר הקדוש, **"וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה"**, אזוי ווי דער רבי האט געוואלט אז מיר זאלן דורך לערנען כל התורה כולה, עיין שם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## בין כותלי הישיבה

דער הייליגער רבי איז אמאל געווען אינטערוועגנס און עס איז געווען 'טרעפיק'. פונקט ווי היינטיגע צייטן מאכן זיך פראבלעמען מיט א קאר און מען דארף ווארטן אויף די פאליציי וכדומה, אזוי איז דעמאלטס געווען מיט א פערד און וואגן; א פערד האט זיך איבערגעדרייט און מען האט געדארפט ווארטן, און עס איז געווארן א טרעפיק. דער בעל עגלה האט זיך אנגערופן צום רבי'ן: "איך גיי דא אריין אין וואלד דורך א זייטיגע וועג, וואס דער וועג טראגט צוריק צום אלטן וועג; עס איז ווי א שארטקאט..." זאגט דער רבי: "דאס טו איך אויך... איך האב א נייע וועג, אבער דער וועג טראגט צוריק צום אלטן וועג, צום וועג פון די אבות!"

צו הערן די גאנצע שיעור:
23|1|8|1|2|1 :דערנאך 212-444-9191

## קורץ און שארף

"פאר יעדע לעפל מוסר דארף מען א שיסל התחזקות!"

(מוהרנ"ת זי"ע)

קול ברסלב - שיעורים | חיזוק יומי | ניגונים | שמועסן | מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191\ 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 | ענגלאנד 03303502361 | קאנאדא 4383008080 | בעלגיע 3235003461 | ארגענטינע 11552354370